**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/30/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול לכבוד איבער ערוויילונג פון האַקים דזשעפריס צו קאנגרעסיאנאלע דעמאקראטישע פירערשאפט**

"עס איז נישטא קיין בעסערע אדוואקאט פאר אונזערע דעמאקראטישע ווירדן פון ברוקלין'ס אייגענע פארטרעטער האַקים דזשעפריס. פון זיין צייט אין די סטעיט אסעמבלי ביז זיין יעצטיגע פאזיציע אין קאנגרעס האט קאנגרעסמאן דזשעפריס אייביג געקעמפט פאר די מענטשן — פאר אונזער דעמאקראטיע, פאר פובליק זיכערהייט, פאר קרימינאלע יוסטיץ רעפארם און פאר די קאמיוניטיס וועם ער דינט. איך גראטוליר קאנגרעסמאן דזשעפריס אויף זיין היסטארישע ערוויילונג אלץ קאנגרעס דעמאקראטישער פירער, א געוואלדיגע עררייכונג וואס וועט עפענען א נייע עפאכע פון פירערשאפט פאר די 118'טע קאנגרעס. איך בין שטאלץ צו רופן קאנגרעסמאן דזשעפריס א פריינט, און איך בין זיכער אז ער וועט פארזעצן צו זיין א פעלזן-פעסטע שותף אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו ערלעדיגן זאכן פאר ניו יארקער. ניו יארקער – און אלע אמעריקאנער – זענען מזל'דיג צו האבן קאנגרעסמאן דזשעפריס אויף זייער זייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418